בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

ס"ג נצבים
כ"ח אלול תשפ"ב

יו"ל פר' נצבים תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

**© כל הזכויות שמורות**
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין משנה אין מסכת ראש השנה (כז:) 'מי שהיה עובר אחורי בית הכנסת, או שהיה ביתו סמוך לבית הכ־נסת, ושמע קול שופר, אם כוון לבו יצא, ואם לאו לא יצא', און דער גמרא (כח.:) איז דן באריכות אויב 'מצוות צרי־כות כוונה', אדער 'מצוות אין צריכות כוונה', און רבא פירט אויס אז 'מצוות אין צריכות כוונה' (ועי' רמב"ם פ"ב מהל' שופר ה"ד במג"מ ובכס"מ ובסהמ"פ שם), פרעגט דערויף די גמרא פונדעם וואס ס'שטייט אין די משנה 'אם כוון לבו יצא ואם לאו לא יצא', - זעהט מען אז ס'ווענדט זיך אויב ער האט אינזינען געהאט, ענטפערט די גמרא 'כוון לש־מוע' מיינט ער זאל וויסן אז ער הערט קול שופר און נישט קיין קול חמור בע־למא, ער זאל נישט זיין קיין מתעסק, אבער מ'מיינט נישט אז מ'דארף האב־ען כוונה לשם מצוה. פרעגט אביי צו רבא, אלא מעתה דמצוות אין צריכות כוונה, 'הישן בשמיני בסוכה' - אפילו נישט לשם מצוה, 'ילקה' - ווייל ער איז מוסיף על המצוה און ער איז עובר אויף 'בל תוסיף'. און ס'איז מעשים בכל יום אז מ'שלאפט אין סוכה אינעם אכטען טאג און מ'באקומט נישט קיין מלקות. ענטפערט רבא, אז אין אמת'ן אריין 'מצוות אין צריכות כוונה', אבער מ'איז נישט עובר אויף 'בל תוסיף' נאר בזמן המצוה, און שמיני עצרת איז לאחר זמן המצוה. נאך א תירוץ ענטפערט רבא, 'לצאת לא בעי כוונה' - אויך 'באינו מתכוין' איז ער 'יוצא ידי חובה', 'לעבור בעי כוונה' - ווען ער איז 'אינו מתכוין לשם מצוה' איז ער נישט עובר אויף 'בל תוסיף', ווייל נאר די הוספה בכוונה איז אן עבירה.

**און** אט דער וואס טראכט אריין אינ־דעם וואס ווערט ערקלערט פונעם צווייטען תירוץ פון רבא, וועט ווערען דערפילט מיט א שטארקען בושה, ווייל מיר נעמען אן (זבחים ב:) 'קדשים סתמא לשמן עומדין', אז דערנאך וואס מען האט מקדיש געווען א בהמה פאר א קרבן איז סתמא לשמה, נאר דער מענ־טש האט דער מעגליכקייט דאס קאליע צו מאכען אז ס'זאל זיין שלא לשמה,

און אויב אזוי איז דער דין ביי א בהמה, על אחת כמה וכמה ביי א נפש פון א יוד וואס ער איז קודש - ווייל אלע יודען זענען קודש אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ירמיה ב, ג) קודש ישראל לה', אז ווען ער איז מקיים מצוות סתמא איז דאס לשמה, ווייל אויף דערויף איז ער געבוירען געווארען - מקיים צו זיין מצוות, און דערפאר דארף מען נישט האבען קיין ספּציעלע כוונה דערויף, אבער אויף עובר צו זיין - ווען ער וויל זיך אפטוהן פונעם דרך הישר און עובר זיין און טוהן עבירות, בעי כוונה, ווייל אן א עבירה איז א טריט וואס מען רוקט זיך אוועק פונעם גלייכען וועג. און לדאבוננו ביי אונז איז דאס פארקערט, און מיר דארפען ערוועקען דעם וויסענשאפט און דעם געפיהל אז יעדער עבירה איז א ירידה פונעם דרך הישר. און אזוי וויא דער הייליגע רוזינער זי"ע האט געזאגט פאר איינער וואס איז געקומען זיך באקלאגען אז ער האט אסאך געזינדיגט, האט איהם דער רוזינער זי"ע געזאגט טוה **תשובה!** האט איהם יענער געפרעגט, רבי! וויא אזוי טוהט מען תשובה?! האט איהם דער רוזינער זי"ע געענפערט: ווען דו האסט געזינדיגט ביסטו נישט געקומען פרעגען וויא אזוי זינדיגט מען, נאר וואס דען, דו האסט געזינדיגט, ביסט געווארען אן בעל עבירה, דאס אייניגע זאך זאלסטו יעצט אויך טוהן, קער זיך אום צום אייבערשטען און טוה תשובה, און דער חשבון וועט זיך שוין ליקווידירען. מיר דארפען אריין באקען אין זיך דעם וויסענשאפט אין טיפעניש פונעם הארץ, אז יעדער עבירה איז אן ארויסגאנג פונעם נארמאלען סדר.

**אין** תשובות **חמדת שלמה** (או"ח סי' כד) פרעגט ער אז וויבאלד אז דער סוגיא אין מסכת ראש השנה און דער משנה רעדען וועגען די דינים פון תקיעת שופר, פארוואס האט אביי נישט געפרעגט 'אלא מעתה התוקע בשופר קודם ראש השנה ילקה', און לויט וואס דער טור שרייבט (סי' תקפא) אז דאס וואס מען בלאזט שופר אין חודש אלול איז מיוסד לויט'ן פרקי דרבי אליעזר, אויב אזוי מן הסתם איז אויך אין די צייט פון די גמרא האט מען געבלאזען, און אפילו אויב מ'וועט זאגען אז דעמאלט האט מען נישט געבלאזען מצד המנהג - און נאר נאכ'ן זמן פון די אמו־

ראים איז אוועק געשטעלט געווארען דעם מנהג, פונדעסטוועגען אוודאי האט מען געבלאזען זיך אויסצולערנען א.ד.ג., אויב אזוי וואלט מען געדארפען פרעגען פונדעם מעשים בכל יום פונעם ענין פון שופר וואס מען באשעפטיגט זיך דערמיט. און דער חמדת שלמה איז מאריך דערין [והגרד"ל שליט"א כתב בזה (גליון מנחת דבר עה"ת פר' כי תבא)]. און על דרך הפשט קען מען זאגען אז ס'איז איהם בעסער צו פרעגען פון הישן בשמיני בסוכה וואס דארט איז דאס א הוספה נאכ'ן זמן המצוה, וויא איידער פרעגען פון שופר פון פאר ראש השנה, וואס דאס איז נאר א הוספה פאר'ן זמן קיום המצוה, און ס'איז נישט קיין זיין שווערע קשיא, ווייל די עיקר הוספה איז נאכ'ן מקיים זיין דעם עיקר [און אזוי וויא ס'איז דעם לשון פון חובות הלבבות (שער יחוד המעשה פרק ה) 'ואין התוספת מתקבלת עד שתיפרע החובה'. און די אחרונים זענען שוין דן אינדעם צו מען איז עובר 'בל תוסיף' פאר'ן זמן פונעם קיום המצוה (עי' שו"ת מחנה חיים ח"ג סי' מד, שדי חמד מערכת כ סוף כלל כא, כלי חמדה פר' ואתחנן אות ג, ועי' שו"ת שלמת יוסף סי' יב)], און דעריבער איז בעסער צו פרעגען פון הישן בשמיני בסוכה.

**אבער** על דרך העבודה קען מען זאגען, אז דאס וואס אביי האט געפרעגט פון סוכה, קומט אונז מרמז זיין א גרויסע זאך, ווייל דער ענין פון תקיעת שופר אין חודש אלול איז צו צוטרייסלען די הערצער - 'אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו' (עמוס ג, ו), כאפען א ציטער און א התעוררות, און דערפאר אפילו אין די קשיא האבען חז"ל נישט געוואלט אנרופען און זאגען אז די התעוררות איז א הוספה און איבריג, און כביכול אז מען דארף דאס נישט צו האבען, ווייל א התעוררות דארף מען שטענדיג האבען און ס'איז קיינמאל נישט איבריג, נאך און נאך און נאך. און דעריבער אפילו אינעם הוה אמינא פונעם מקשן האט ער נישט געפרעגט פון שופר פאר ראש השנה, ווייל עס קען זיך אויסהערען דערפון אז ס'איז אונז גענוג מיט'ן התעוררות וואס ס'איז געווען ביז יעצט, ווייל מען בלאזט שוין פיהר וואכען, פון א' אלול ביז כ"ח אלול, און מיר שטייען נאך אין דעם זעלבען צושטאנד, מיט דער זע-

לבע פארמאכטע הארץ, מ'הערט דער שופר, אבער מ'דערהערט איהם נישט! מ'ווערט נישט פארציטערט פון דעם!

**די** הלכה איז (סי' תקפא סעיף ג) אז ערב ראש השנה בלאזט מען נישט שופר, און דער טעם דערפון איז כדי צו מא־כען א אונטערשייד צווישען תקיעות רשות און תקיעות חובה (כמ"ש בלבוש הובא במג"א שם), און מען דארף דאס צו פארשטיין, ווייל צו דען טרעפט מען נישט אז מען טוהט צוזאמען רשות און חובה בבת אחת, אט אין ראש השנה אליינט בלאזט מען תקיעות דמיושב און תקיעות דמעומד און תקיעות ביי חזרת הש"ץ און נאך צעהן קולות סוף דאווענען, און מען מאכט נישט קיין אונטערשייד צווישען זיי. נאר דער הפסקה איז געמאכט געווארען 'כדי ליתן ריוח להתבונן', און אזוי וויא חז"ל זאגען (הובא ברש"י ראש ויקרא) 'למה הפסקות בין הפרשיות משמשות כדי ליתן ריוח להתבונן', ד. ה. אז די 'ריוח' איז א זמן פון התבוננות, אז די תקיעות זאלען אריין גיין אינערוויייניג אין טיפעניש פונעם הארץ - מ'זאל זיי דערהערען, און אזוי וויא רבוה"ק זי"ע האבען שטענדיג געזאגט ביי די ארבע פרשיות אויף שבת הפסקה, אז די הפ־סקה איז נישט געמאכט געווארען סתם זיך אפ צו רוהען, נאר די הפסקה איז געמאכט געווארען אז דער מענטש זאל זיך אפשטעלען א מינוט און אריין קלערען 'ובכן' וואס טוה איך מיט אלע התעוררות'ן און פון אלע תקיעות (עי' פני מנחם נצבים עמ' קס).

**שטייט** אין די גמרא (מגילה לא:) עזרא תיקן להן לישראל שיהו קורין קללות שבמשנה תורה קודם ראש השנה, כדי שתכלה שנה וקללותיה, און די **גאונים** האבען מתקן געווען אז מ'זאל מפסיק זיין איין שבת צווישען די קריאה פו־נעם תוכחה צו ראש השנה (עי"ש בתוס' ובר"ש). און מ'דארף אריין טראכטען דערין וואס איז געווען די כוונה פון די גאונים וואס זיי האבען מתקן גע־ווען אזיין תקנה פאר די שפעטערדיגע דורות, געוויס זיכער האבען זיי נישט געמיינט אז דאס איז געמאכט געוואר־ען כדי מיר זאלען פארגעסען פון די קללות, ווייל 'מוסר ה' בני אל תמאס ואל תקוץ בתוכחתו' (משלי ג, יא), נאר דער ענין דערפון איז, אז די דורות

הראשונים איז זיי געווען גענוג מיט'ן ליינען די תוכחה כדי זיי זאלען זיך ערוועקען פונדעם פאר ס'קומט ראש השנה, אבער אין די דורות האחרונים האט מען געדארפען צולייגען נאך א שבת הפסקה, כדי אז יעדער איינער זאל צולייגען קאפ און הארץ און ער זאל זיך ערוועקען וואס מען מאנט און וואס מען פאדערט פון איהם. די יאהר, איז דא צוויי טעג פאר ראש השנה וואס מען בלאזט נישט דערין [שבת און ערב ראש השנה], אבער דער עיקר איז מען זאל זיך ערוועקען, עס זאל אונז רוד־ערען און עס זאל אונז עפעס אנריר־ען אין טיפעניש פונעם הארץ, מרדות אחת בלבו של אדם, מיר קענען הערען **אסאך דברי התעוררות, און אריבער גיין די גוטע זמנים, אבער דער תכלית איז די אינערליכען התעוררות, דער מענטש זאל עפעס פארענדערט ווערען.**

**שטייט** אין פסוק (ישעיה א, יח) 'אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אם יאדימו כתולע כצמר יהיו', און מ'קען טייטשען 'כשנים' מיינט נישט די קא־ליר אליינט, נאר ס'מיינט געפארב־טע וואהל, 'וכתולע' מיינט די פארב אליינט, 'צמר' מיינט אידישע נשמות [אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (חגיגה טו:) 'כל עמר דנחית ליורה סליק', ועי' ברכות ח.], ואם יהיו חטאיכם כשנים, אויב מען ווייסט און מען געדענקט אז די עבירות און די חטאים זענען נישט זיין אמת'ע רצון, און נאר אויף 'עובר' זיין אן עבירה דארף מען כוונה - ווייל דאס איז מחוץ לשיטה, ווייל דאס איז נישט וואס א יודישע זעהל זיכט און בעהט, נאר א יוד שטרעבט און גלו־סט און געהערט צו די מצוות, און די עבירות זענען נישט מער וויא וואהל וואס איז געפארבט מיט א רויטע פארב, דעמאלט 'כשלג ילבינו' - קען ער זיין ציכטיג און ריין אזוי וויא שניי, זיין תשובה ווערט אנגענומען און ער איז זוכה צו טהרה און ריינקייט אזוי וויא שניי. אבער **'אם יאדימו כתולע'**, כל עוד וואס ער האט דעם געפיהל אז ער אליינט וויל זינדיגען -'כתולע' וואס דאס איז די פארב אליינט, און אזוי וויא ס'ווערט ערקלערט אין מורה **נבוכים** אז נאכ'ן חטא פון אדם הרא־שון זענען די גרעניצען פארבלענדט געווארען, און דער מענטש שפירט אז ער אליינט וויל עובר זיין (עי' מורה נבו־

כים ח"א פ"ב והמצויין עבד"ד ירח האיתנים עמ' קיג), און געוויס טאקע אין יעדער צושטאנד קען מען תשובה טוהן, אבער נאר 'כצמר יהיו' - און נישט ווייס וויא שניי.

**און** מיר טרעפען דערויף א נפלא'דיגע רמז אין אונזער פרשה, ווייל ס'שטייט אין פסוק (ל, ד) 'אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלקיך ומשם יקחך', דער קריאה איז 'נִדַּחֲךָ' - און ס'מיינט אז אפילו אויב דו וועסט זיין 'נידח' ביז 'קצה השמים', אבער ס'דא נאך א גירסא 'נִדָּחֲךָ', און ס'מיינט אויב דיין 'נידח' וועט זיין 'בקצה השמים' [און ע"ד וויא ס'שטייט אין פסוק (כי תצא כב, א) 'לא תראה את שור אחיך או את שיו נִדָּחִים'], ד. ה. אז ס'איז פארהאן ביי די יודען 'נדחי ישראל' וואס זיי וועלען זיין 'בקצה השמים'. און לכאורה דארף מען פארשטיין, אונז אליינט זענען דאך בעלי עבירות און מיר זענען נדחים בקצה השמים, ווייל דאס וואס מען זאגט יום כיפור 'אנו מתירים להתפלל עם העבריינים', מיינט נישט אז ער איז פון די מתירים, נאר ס'מיינט אז יעדער איינער האט אין זיך א 'עבריין' אין זיין הארץ, און ער איז פון די עבריינים וואס מען איז מתיר צו דאווענען מיט איהם. נאר מען קען טייטשען אז אויב דער מענטש ערוועקט זיך אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און ער קומט צו א געפיהל צו וויסען אז די עבירות זענען נישט א חלק פון זיין עצמיות, ס'איז נישט איך, און איך געהער נישט דארט, ווייל איך בין א יוד וואס איז באשאפען געווארען לשמש את קוני, און ער שפירט און ער לעבט מיט דעם וויסענשאפט, און ער ווייסט אז די עבירות זענען א אפגע־טיילטע זאך פון איהם, דעמאלט 'משם יקבצך ה' אלקיך ומשם יקחך', קען מען זיך אומקערען און תשובה טוהן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין זיך צו ערוועקען, ווע־לען גוטע זאכען, און מאכען א גוטע און ריכטיגע הכנה וויא עס דארף צו זיין צו די ימים הנוראים, גוט מקבל זיין עול מלכות שמים.